STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02226

VELVL ZBARZSHER SHRAYBT BRIV TSU MALKAH'LE DER SHEYNER

Itzik Manger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הילע געצייכנט פון מ. רייף, דרוקעריי: מ. נאָמבערג, וואַרשע, לעשנא 19

icek manger: „wełwł zbarżer szrajbt brif cu małkełe der szajner" / drukarnia nomberga, warszawa, leszno 19 wydawnictwo: a. b. cerata warszawa—wiedeń 1937.

איציק מאַנגער / וועלוול זבאַרזשער שרייבט
בריוו צו מלכה׳לע דער שיינער

copyright by a. b. cerata, wien / printed in poland 1937

איציק מאַנגער

װעלװל זבאַרזשער שרײַבט בריװ צו מלכּה'לע דער שײנער

פאַרלאַג א. ב. צערעטאַ, װאַרשע—װין
1937

די דאָזיקע לידער זינגען און דערציילן וועגן דער ליבע פון דעם פּאָעט און וואַגאַנט וועלוול זבאַרזשער צו דער נייטאָרין מלכּה׳לע דער שיינער.

די דאָזיקע אויסטערלישע און שיינע ליבע האָט אין מיר אָפּגעקלונגען ווי א מאָנונג. זי האָט צו מיר געטענה׳ט: דו האָסט אַמאָל געשריבן „קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פארלוירן״. טאָ זאָלזשע טאַקע די דאָזיקע רגע שיינקייט באַקומען אַ תּיקון.

יאָרן-לאַנג האָבן די לידער אין מיר געדעמערט ביז זיי האָבן באַקומען פאָרם. אויף פּראָסט יידיש: באַקומען לשון.

באַקענט האָט זיך וועלוול זבאַרזשער מיט מלכּה׳לע דער שיינער אין רומעניע. צוליב ביז איצט נישט אויפגעקלערטע סיבות, האָט מלכּה׳לע געמוזט אַוועקפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. וועלוול זבאַרזשער האָט ווייטער אַרומגעוואָגלט איבער רומעניע, עסטרייך, רוסלאַנד. און ערשט העט, העט, קורץ פאַרן טויט, איז ער געקומען צו זיין געליבטער קיין סטאַמבול און אין איר הויז איז ער געשטאָרבן.

די מצבה אויפֿן קאָנסטאַנטינאָפּאָלער בית=עלמין האָט זי אים געשטעלט.

ווענן דעם דאָזיקן קאַפּיטל שטאַמלען ווערלס ביאָגראַפֿן אַביסל אונטער. אומקלאָרע אָנדייטונגען. צופּעליקע רמזים און ווייטער גאָרנישט.

איך ווייס אָבער, אַז אַזוי איז דאָס געווען. מיט דער האַנט אויפֿן האַרצן שווער איך דערויף: זאָ וואַהר מיר גאָט העלפֿע!

איך ווייס נישט אויך וויפֿל מיר איז געלונגען אַלצדינג צו דערציילן און אויסצוזינגען. און אפֿשר דאַרף מען טאַקע אַזוי. דאָס סאַמע עצמדיקסטע מוז בלייבן אַ סוד. דאָס נישט דערזונגענע האָט נישט געוואָלט דערזינגען ווערן.

וויאַזוי ס'זאָל נישט זיין, איז דאָס ביכעלע אַ פּרוּוו צו שטעלן אַ דענקמאָל דעם וואַנדערער און דיכטער ווערוול זבאַרזשער און זיין אויסטערלישער ליבע.

דאָס דאָזיקע ביכעלע ווידמע איך רחל אויערבאַך— אַ מתּנה אין ליבשאַפֿט.

איציק מאַנגער.

יאַסי. אַבענדס, זיבן אוהר

יאַסי. אַבענדס, זיבן אוהר.
דאַטום: דריטער יענער.
אַדרעס: אַן װאָהלגעבאָרענע
פרױ מלכּה׳לע דער שײנער.

איך האַבע דײנען ליבן בריװ
מיט גראָסער פרײד געלעזן,
דו ביזט נאָך גוט און ליב צו מיר
פּונקט װי דו ביזט געװעזן.

און װאָס דו שרײבסט מיר: „װעלװל קרױן
לאָז אָפּ די גוטע ברידער,
זײ מײנען נאָר דאָס גלעזל װײן
און דײנע שײנע לידער״ —

איז דאָס אײן אירטום, מלכּה׳לע,
דאָס זאָלסטו גוט בעדענקען,
אײן װאַהרער דיכטער, מלכּה׳לע,
מוז קענען זיך פאַרשענקען.

דעם ליכט, דער ליבע און דער נאַכט,
דעם רעגן און דעם שליאַך,
דעם טרוים, װאָס האָט אים בלינד געמאַכט,
די שטערנע אױפן דאַך.

דער ווערבע און דעם עפּלבוים,
דעם פֿייגלכען, וואָס פֿליט
און דורך דעם שענקען, מלכּה׳לע,
ווערט צייטיק ערשט דאָס ליד.

נון, האָסטו מיך פֿערשטאַנדן וואָהל,
נון, איז דיר אַלעס קלאָר —
איך קיסע דיינען ליבן מונד
און דיינע שיינע האָר.

איך קיסע דיינע אויגן דיר
און בלייב אויף אימער דיינער,
אין ליבע און ערגעבענהייט
וועלוול דער ציגיינער.

פּאָסט סקריפּטום: ביטע גריסע דאָרט
די פֿריינדע אונד בעקאַנטע
און שרייבע:
זבאַרזשער=ערנקראַנץ
יאַסי, פּאָסטע רעסטאַנטע.

זאָג, מלכה׳לע די שיינע

זאָג, מלכה׳לע די שיינע,
צי געדענקסטו נאָך דאָס ליד:
„ס׳איז בעסער צו זיין אַ דאָרן
איידער אַ בלום וואָס בליט“?

כ׳האָב דיר דאָס ליד געזונגען
איידער די באַן איז אַוועק,
איידער די האַרבסטיקע ווינטן
האָבן פאַרוויעט דעם וועג.

די באַן איז אַוועקגעפאָרן
און ס׳איז אַוועק די שיף,
איצט וואָרקעט נאָר מיין בענקשאַפט
מיט לידער און מיט בריוו.

ביי לופּו סיך לופּו אין שענקל
זיץ איך ביים גלעזל וויין,
אַ פרומער שטערן פינקלט
דורך דער שויב צו מיר אַריין.

וואָלט איך געווען אַ שטערן,
וואָלט איך נישט לאַנג געטראַכט
און וואָלט מיט אַ שטילן ציטער
געפאַלן אויף דיין דאַך.

און וואָלט איך געווען אַ שניידער,
וואָלט איך געפֿלויגן צו דיר
און מיט מיין גילדענעם פינגערהוט
אָנגעקלאַפּט אין דיין טיר.

וואָלסטו אַרויסגעקומען
אין דיין לאַנגן, געשטיקטן העמד
און די פרעמד, וואָס האָט דיך געפֿאַנגען,
וואָלט מער נישט געווען פרעמד.

„סקאָצל קומט" — וואָלסטו געמורמלט,
מיך פֿאַרבעטן אין שטוב אַריין
און ס'וואָלט פֿאַרשמעקט אין שטיבל
מיט יונגע ניס און ווייַן.

בין איך אָבער נישט קיין שטערן
און אפֿילו קיין שניידער ניט,
איז מיר בעסער צו זיין אַ דאָרן
אייידער אַ בלום וואָס בליט.

כ׳האָב, מלכה׳לע, אַ ליד פֿאַרפֿאַסט

כ׳האָב, מלכה׳לע, אַ ליד פֿאַרפֿאַסט
און דערצו געמאַכט אַ ניגון:
„דער חלום ווייזט אונז גילדענע בערג
און צום סוף איז עס אַ ליגן".

אַ ראיה האָסטו, מלכה׳לע,
אַז בין איך דאָ אַנימלט,
זיצנדיק ביים גלעזל וויין,
ביים טיש איינגעדרימלט.

האָט מיר דער פֿויגל פֿלאַטער־פֿלי
אויף זיינע גילדענע פֿליגל
געבראַכט אַ בריוועלע פֿון דיר
פֿאַר׳חתמ׳עט מיט אַ זיגל.

און אַז איך האָב עס אויפֿגעמאַכט
און אָנגעפֿאַנגען לעזן,
איז עס נישט קיין בריוו געווען
נאָר דו ביזט עס געוועזן.

אַ שלאַנקע, מיט צעלאָזטע האָר,
ביזטו פֿאַר מיר געשטאַנען
און ס׳האָבן הינטערן פֿענסטער זיך
צעצוויטעט די קאַשטאַנען.

האָסטו געזאָגט: „אוי, וועלוול קרוין,
וואָס כ׳האָב זיך אָנגעליטן״ —
און ס׳האָט דער אַלטער ליפּע־בוים
אויף ס׳ניי געטומען צוויטן.

האָב איך געזאָגט: „גוט, מלכּה׳לע,
גוט, וואָס דו ביזט געקומען״
און כ׳האָב מיט מיינע ביידע הענט —
דעם טיש אַרומגענומען.

האָט זיך די שענקערקע צעלאַכט:
„וואָס האָט זיך אייך געטראָפן?
איר זענט, ווייזט אויס, הער ערנקראַנץ
ביים טישל איינגעשלאָפן״.

בין איך אַוועק אין מיין האָטעל
און גענומען טינט און פעדער
און כדי פאַר היינט און אַלע מאָל
זאָל וויסן עס אַ יעדער.

האָב איך דאָס שיינע ליד פאַרפאַסט
און דערצו געמאַכט אַ ניגון —
דער חלום ווייזט אונז גילדענע בערג
און צום סוף איז עס אַ ליגן.

אַ פֿויגל האָט היינט מלכּה׳לע

אַ פֿויגל האָט היינט, מלכּה׳לע,
געזונגען אויף מיין דאַך:
„דאָרט ווו ס׳ענדיקט זיך די שטאָט,
הויבט זיך אָן דער שליאַך.

טאָ נעם דעם שטעקן, וועלוול קרוין,
אין דער האַנט און שפּאַן,
אויב דו האָסט נישט קיין בילעט
צו פֿאָרן מיט דער באַן.

נעכטיקן קענסטו אין פֿעלד
און עסן, שמעסן... עט!
פֿון ווען אָן טראַכט עס וועגן פּרעס
אַ יידישער פּאָעט?

זע, מלכּה׳לע די שיינע וואַרט
שוין יאָרנלאַנג אויף דיר,
אַ סימן האָסטו: יעדע נאַכט
פֿאַרשליסט זי נישט די טיר".

האָב איך צו אים געזאָגט אַזוי:
„העי פֿויגל פֿלאַטער=פֿלי,
דו ביזט ווייזט אויס אַ נעכטיקער,
אָדער נישט פֿון הי.

און אפשר גאָר אַ שוטה'לע,
וואָס ווייסט נישט מן־הסתם,
אַז צווישן מיר און מלכּה'לען
רוישט דער שוואַרצער ים.

און ס'זאָגט דער שוואַרצער ים אַזוי:
„הערי מענטשל, צוציק, שוויג!
שפּאַנען קענסטו אויפן שליאַך,
נאָר איבער מיר אַ פייג...״

און ס'איז דער פויגל פלאַטער־פלי
אַוועק פון מיר פאַרשעמט,
און ס'האָט דאָס האַרץ מיר, מלכּה'לע,
אַ גאַנצן טאָג געקלעמט.

כ׳האָב מלכּה׳לע געזונגען

כ׳האָב, מלכּה׳לע, געזונגען
פֿריי ווי אַ פֿויגל אין פֿעלד:
„אַיעדער איז אַ מלך
בײַ זיך אין זיין געצעלט״.

איצט, מלכּה׳לע, דו שיינע
זע איך דעם טעות איין,
ווײַל דאָרט ווו ס׳איז דאָ אַ מלך
מוז אויך אַ מלכּה זיין.

קוים טרעפֿט זיך אָבער, די מלכּה
פֿאָרט קיין סטאַמבול אַוועק
און לאָזט דעם מלך טרויעריק
שטיין בײַ דעם וואַסער־ברעג —

איז דער מלך שוין נישט קיין מלך,
נייערט אַן אָרעמאַן
און ער איז רק מקנא
דעם טערקישן סולטאַן.

דערפֿאַר, ווײַל זיין מדינה
פֿאַרמאָגט אַזאַ שיינעם פֿאַרשוין,
שענער פֿון שענסטן דימענט
אין זיין גילדענער קרוין.

איך, מלכּה׳לע די שיינע,
איך בין עס דער אָרעמאַן
און איך בין עס מקנא
דעם טערקישן סולטאַן.

און נישט נאָר אים, נאָר אפילו
דעם פויגל, דעם וואָלקן, דעם ווינט.
זיי קענען דיך אַלע דערגרייכן
אין איין רגע געשווינט.

איך שיק מיט אָט די שלוחים
דיר גרוסן אַ יעדע נאכט —
צי האָבן דיר כאָטשבי די חברה
אַמאָל די גרוסן געבראַכט?

אויב יאָ, טאָ שיקזשע מיר תּיכּף
מיט זיי אַן ענטפער צוריק —
דעם פויגל, דעם ווינט און דעם וואָלקן
געטרוי איך פון תּמיד מיין גליק.

ס׳איז, מלכּה׳לע, נאָך האַלבער נאַכט

ס׳איז, מלכּה׳לע, נאָך האַלבער נאַכט,
אין פֿענסטער פּויקט דער רעגן
און איך דערמאָן זיך יענע נאַכט,
ווען מיר האָבן זיך געזעגנט.

איך בין געזעסן נעבן דיר,
געזיפֿצט, געטראַכט, באַדויערט
און דאַכט זיך, אַז דיין ניי־מאַשין
האָט אויך מיט מיר געטרויערט.

נאָר פּלוצים האָסטו זיך צעלאַכט:
„ס׳איז, וועלוול, ניכט אויף אימער"—
און דיין געלעכטער, מלכּה׳לע,
האָט אויפגעשיינט דאָס צימער.

און אין דעם בלענד, דער ליכטיקייט
בין איך מיט דיר געזעסן —
צו קען מען אָט די ליכטיקייט
זאָג, מלכּה׳לע, פֿאַרגעסן?

די האָסט געפּלאַפּלט און געלאַכט
און איך... איך האָב געזונגען —
דער טרויער איז, אַ שוואַרצע קאַץ,
פֿונם פּלויט אַראָפּגעשפּרונגען.

דו האָסט געזאָגט: „אַ באַן" און איך:
„אַ באַן פירט גאָלד און קאָרן
און ברענגט די ליבע דעם צוריק,
וואָס האָט זי אָנגעוואָרן".

דו האָסט געזאָגט: „אַ שיף" און איך:
„אַ שיף שווימט איבער ים׳ען,
זי שווימט און שווימט און ברענגט צום סוף
פאַרליבטע לייט צוזאַמען".

דו האָסט געזאָגט: „ס׳איז געווען"
און איך: „ס׳וועט ערשט ווערן,
אַ סימן, זע, אין אונזער שויב
האָט אויפגעשיינט אַ שטערן".

און אָט אַזוי, די גאַנצע נאַכט,
בין איך ביי דיר געזעסן —
צי קען מען אָט די ליכטיקייט
זאָג, מלכה׳לע, פאַרגעסן?

ס׳האָט, מלכּה׳לע, דער קאַרשנבוים

ס׳האָט, מלכּה׳לע, דער קאַרשנבוים
אין גאָרטן זיך צעבליט —
איך ווייס, דער אַלטער קאַרשנבוים
וויל ווערן היינט אַ ליד.

איך עפן אויף דאָס פענסטער שטיל
און זע — אַ פויגל פליט —
איך ווייס דער פויגל צו דער זון
וויל ווערן היינט אַ ליד.

איך הייב די אויגן אויף און זע
אַ זילבער־וואָלקן ציט —
און ווייס, דער וואָלקן ביי דער זון
וויל ווערן היינט אַ ליד.

און אַלץ וואָס אָטעמט, לאַכט און בליט,
דער פויגל און דער ווינט,
דער בלינדער בעטלער אויפן ראָג,
די מאַמע און דאָס קינד,

דער קוימענקערער אויפן דאַך,
דער אַלטער מילעך־ייד,
דאָס בלומען־מיידל אויפן מאַרק
— זיי ווילן ווערן ליד.

די פּען אין טינטער פיבערט, וואַרט
און ציט זיך צו מיין האַנט —
און איך — איך טראַכט איצט וועגן דיר
דאָרט אין דעם ווייטן לאַנד.

איך זע דיך ביי דער ניי־מאַשין,
אַ חלום אויף דער וואָר,
און ס'בליצט אַ גאָלדענע פּאַסמע זון
אין דיינע שוואַרצע האָר.

אין פענסטער שטייט דער בלומענטאָפּ,
צוויי נעלקן און אַ רויז —
און מיין בענקשאַפט ביי דיין שוועל
טוט די סאַנדאַלן אויס.

זי גייט צו דיר אַריין אין שטוב
מיט שטילע, פרומע טריט
און, מלכּה'לע די שיינע, זע —
דו ביזט געוואָרן ליד.

דער אָוונט טונקלט, מלכּה׳לע

דער אָוונט טונקלט, מלכּה׳לע,
אַ פלאַטערל פלאַטערט קוים
און פאַלט אַוועק פאַרמאַטערט
צווישן גראָז און טרוים.

אַן אָרעמער וואַסער־טרעגער
שלעפּט אַהיים זיך מיד —
דער אָוונט, ווי יעדער אָוונט,
האָט שטערן און האָט ליד.

איך שרייב דעם בריוו און טרערן
באַנעצן דאָס בריוו־פּאַפּיר —
איך זע דיך שטיין אַ פאַרוויינטע
אײַנגעדרוקט בײַ דער טיר.

די זילבערנע בראָש, זי בלישטשעט
אויף דײַן סאַמעטן קלייד,
וואָס דו האָסט מיט טרויעריקע פינגער
אַליין דיר אויפגענייט.

די שוואַרצע האָר דײַנע שמעקן
מיט מאַנדל־אייל פאַרקעמט —
אַזוי זעט אויס די ליבע,
וואָס וואָגלט אין דער פרעמד.

אַזוי זעט אויס די ליבע,
וואָס האָט קיין מנוחה ניט —
זי שעלט אָנשטאָט צו בענטשן
אירע אייגענע טריט.

די סאָווע איז אויך אַ פויגל
די ווערבע איז אויך אַ בוים —
און די ליבע, וואָס האָט נישט קיין האַפט
צערינט אַזוי ווי שוים.

די בענקשאַפט — אַן עלנטער פויגל —
פלאַטערט אהין און אַהער
און ברענגט צוריק פון דער ווייטנס
כסדר די אייגענע טרער.

איך שרייב דיר דאָס בריוול, מלכּה,
און ווייס נישט אַליין פאַרוואָס
ס׳וויל זיך מיר זיין אַ פלאַטערל
און אויסגיין אין טיפן גראָז.

אַנימלט, מלכה׳לע, אין טרוים

אַנימלט, מלכה׳לע, אין טרוים —
דו האָסט געוויגט אַ וויג
און אין דער וויג האָט שטיל געלאַכט
אונזער ביידנס גליק.

דו האָסט געזונגען: „איי־ליו־ליו,
דאָס העזעלע אין פעלד
דאַרף האָבן אַ פּאָר שיכעלעך,
האָט עס נישט קיין געלט".

דו האָסט געזונגען: „איי־ליו־ליו,
דאָס וועלוועלע אין וואַלד
האָט קיין פעלץ אויף ווינטער ניט,
איז אים נעבעך קאַלט".

איך בין געזעסן נעבן דיר
און פרום זיך צוגעהערט
און מיינע אויגן, מלכה׳לע,
האָבן שטיל געטרערט.

דו האָסט געזונגען: „איי־ליו־ליו,
איז דאַרף מען לויפן גיך
קויפן פאַר דעם וואָלף אַ פעלץ,
דעם העזעלע אַ פּאָר שיך.

און דעם מיידעלע אין וויג
צוויי אוירינגלעך פון גאָלד,
ווייל די מאַמעשי האָט עס ליב,
ווייל זי האָט עס האָלד".

איך בין געזעסן נעבן דיר
און פרום זיך צוגעהערט
און מיינע אויגן, מלכּה'לע,
האָבן שטיל געטרערט.

און ס'איז אַ גרויסע, הייסע טרער
געפאַלן אין דער וויג
און האָט און האָט... נו, גאָט זיי דאַנק,
נישט אויפגעוועקט דאָס גליק.

אַ ווינטער־פליג האָט אַרום לאָמפּ
געזשומעט — שו שו שאַ —
און אונזער גליק האָט אין דער וויג
שטיל געמורמלט: „מאַ..."

ס'איז אפשר אמת, מלכּה'לע

ס'איז אפשר אמת, מלכּה'לע,
און אפשר נאָר אַ טרוים —
דעם דאָזיקן בריוו דיקטירט מיר
דער אַלטער קאַרשנבוים.

ביינאַכט, דורכן אָפענעם פענסטער
רוישט ער צו מיר אַריין
און ס'ציטערט איבערן שרייב־פּאַפּיר
אַ פּאַסמע לבנה־שיין.

„שרייב איר, — רוישט דער אַלטער —
אַז איך בין שוין מיט יאָרן זאַט,
אַ קאַרשנבוים אַן אַלטער,
א בן שמונים כּמעט.

איך האָב שוין אין מיין לעבן
אַזויפיל מאָל געבליט
און ליבעס האָב איך גענוג געזען,
וויפיל געדענק איך שוין ניט.

נאָר דיינע און וועלוולס זבאַרזשערס
געדענק איך אַזוי ווי היינט,
ווייל איבער דער דאָזיקער ליבע
האָבן אַלע שטערן געשיינט.

פאַרוואָס־זשע האָט איר זיך ביידע
אויף יאָרן לאַנג צעשיידט?
צי פאַרגינט טאַקע גישט די ליבע
דער ליבע אַ טראָפּן פרייד?

צי פאַרגינט טאַקע נישט די ליבע
דער ליבע אַ טראָפּן גליק?
זעט און פּאָלגט אַן אַלטן
און געפינט זיך ווידער צוריק.

אָט דאָרט ווי אַמאָל, אַ שטייגער,
אין גאָרטן נעבן דעם פּלויט
און ס׳זאָל אייך, אסור, נישט אַרן,
אַז איך וועל ווערן רויט.

זעט און דערפולט די בקשה
פון איינעם, וואָס זשיפעט קוים,
פאַרשאַפט אַ ביסעלע נחת
אַן אַלטן קאַרשנבוים.״

דער זומער־אָוונט דעמערט

דער זומער־אָוונט דעמערט,
פייגל זינגען — טרי לי לי —
אַלצדינג וואָלט גוט געוועזן,
ווען דו וואָלסט געוועזן הי.

איך זע די בענקשאַפט עפנט
די פענסטער פון יעדן הויז
און קוקט מיט געטרייע אויגן
צו אַלע וועגן אַרויס.

ציגיינערטעס וואַרפן קאָרטן
און לעזן אַראָפּ פון דער האַנט:
„זי איז אַ הויכע, אַ שיינע
און וווינט אין אַ פרעמדן לאַנד.

מלכּה טרעף — זי הייסט מלכּה,
מלך פּיק — דער סולטאַן,
די מלכּה וועט קומען צופאָרן
מיט דער שיף און דער באַן".

איך שטיי ביים אָפענעם פענסטער
און פיבער, חלום און וואַרט
די ציגיינערטעס און די שטערן
האָבן נישט איינמאָל מיך אָפּגענאַרט.

פונדעסן איז גוט וואָס זײ קומען
אין זומער־פאַרנאַכטן צו גײן,
ווען ס'לאָמען דער בענקשאַפט די פליגל
און דו ביזט אײנער אַלײן.

די ציגײנערטעס און די שטערן
האָבן נישט אײנמאָל מיך אָפּגענאַרט,
פונדעסן שטײ איך בײם פענסטער
מיט גלויביקע אויגן און וואַרט.

דער זומער־אָוונט דעמערט,
פײגל צוויטשערן טרילילי —
אַלצדינג וואָלט גוט געווען,
ווען דו וואָלסט געווען הי.

אַ בעטלער האָט הײנט

אַ בעטלער האָט הײנט, מלכה׳לע,
געזונגען אונטן אין הויף
און מיט די בלינדע אויגן געגלאָצט
צו אַלע פענסטער אַרויף.

ער האָט אַ לידל געזונגען
און די קאַטאַרינקע געדרייט
און דעם שכנ׳ס שנײדער־בעזעלן
האָט צוגעברומט שטילערהײט:

„די בענקשאַפט און די ליבע
זײ זענען אַ מאָדנע פּאָר,
זײ ליגן זיך אײנס דעם צװײטן
כּסדר אין די האָר.

די בענקשאַפט האָט גילדענע פליגל
די ליבע אַ בעכער מיט סם —
די ליבע לאַכט, װען די בענקשאַפט
רעדט צו איר מיטן גראַם.

זײ יאָגן זיך אײנס דאָס צװײטע
ביז די בענקשאַפט גײט אױס
און די ליבע שטאַרבט, װי אַ שמעטערלינג
אויף אַ פאַרװיאַנעטער רויז".

דעם שכנ׳ס שניידער־געזעלן
האָט אָפּגעזיפּצט שווער און טיף —
איך לעג דיר דעם זיפץ און דאָס לידל
אַריין אין דעם היינטיקן בריוו.

און, מלכה׳לע, זיי מיך נישט חושד,
אַז איך האָב דאָס לידל געמאַכט,
מיין ליבע האָט נאָך לעסאַטע
צו אַזאַ טרויער זיך נישט דערטראַכט.

נאָר אדרבא: מיין בענקשאַפט
גלויבט נאָך כסדר און וואַרט
זי זינגט: די אמת׳ע ליבע
האָט נאָך קיינעם נישט אָפּגענאַרט.

זי זינגט: די בענקשאַפט, די ליבע
זיי זענען פון גאָט א פּאָר —
די בענקשאַפט האָט גאָלדענע אויגן
און די ליבע האָט גאָלדענע האָר.